בעזרת השם יתברך

גליון
קדושת בית המדרש

בענין מורא מקדש
ושתיקה יפה בשעת
התפלה

יוצא לאור
מדי חודש
בכל שבת מברכים

גליון קמב

אלול
תשפ"ו

לעילוי נשמתו הטהורה של עמוד צלותהון
ובעותהון דישראל מופת הדור מרן קוה"ק
הרה"ק מטאהש
רבינו **משולם פייש**
בן רבי מרדכי סג"ל וצירל
זכותו יגן עלינו ועכ"י

# פארלוירן די דאקומענטן

א הילכיגער קלינג האט זיך געהערט אינעם קאנפערענץ צימער. חיים הייבט נישט אויף דעם רוף, אבער וואונדערט זיך יא אביסל פארוואס זיין לויער רופט אים פונקט יעצט ווען ער האלט אפ א גאר וויכטיגע מיטינג מיט זיינע קאלעגע ביזנעסלייט פון איטאליע, וועלכע זענען געקומען צו פארן קיין מאנהעטן ספעציעל זיך צו טרעפן פערזענליך מיט אים - זייער ביזנעס שותף פון ניו יארק.

די מיטינג זעצט ווייטער פאר, ווען די איטאליענע ביזנעסלייט שטעלן פאר זייערע מאסיווע פלענער איבער א פרישע מולטי מיליאן דאלער'דיגער געשעפט אין פארעם פון א נייע וואקסין פראדוקציע. מען הייבט אן ארייגגיין אין די דעטאלן פונעם פלאן, ווען א צווייטער קלונג אויף חיים'ס אפיס טעלעפאן טוט ווידעראמאל איבערהאקן זייער געשפרעך. חיים געבט א בליק און זעט אז ווידעראמאל איז עס זיין לויער וואס פרובירט אים צו כאפן. א פלוצלינג'דיגע אומרואיגקייט האט אים באהערשט. "וואס קען דאס באדייטן?" טראכט ער צו זיך מיט זארג. "ער ווייסט דאך אז איך האלט יעצט אינמיטן דעם וויכטיגן קאנפערענץ מיט מיינע שותפים, פארוואס רופט ער שוין צום צווייטן מאל אין אזא קורצע צייט אפשניט?"

בלית ברירה לעשט ער אויס דעם קלינגער, אזוי זאל ער מער נישט ווערן געשטערט. "דער לויער וועט בלית ברירה מוזן ווארטן ביז מיר ענדיגן דעם קאנפערענץ," טראכט ער פארטריבט.

נאך אנדערטהאלבן שעה איבערגיין אלע איינצלהייטן און דעטאלן פונעם פרישן ביזנעס דיעל, איז דער קאנטראקט געווארן גרייט אונטערצו'חתמ'ענען. די שותפים, חיים מיט זיינע איטאליענע קאלעגעס, זענען נאך איינמאל איבערגעגאנגען די לעצטע פרטים און דאן אונטערגעשריבן דעם דיעל וואס אנטשפרעכט ארייננצוברענגען פרישע הונדערטער מיליאנען דאלארן אין זייערע באנק קאנטעס.

נאכן רייכן די האנט און ארויסבאגלייטן זיינע שותפים איז חיים צוריק ארייגעגאנגען אין אפיס, וועלנדיג צוריקרופן זיין לויער און הערן וואס ס'איז געווען אזוי וויכטיג אינמיטן דעם היסטארישן זיצונג וואס איז ענדליך צושטאנד געקומען נאך לאנגע חדשים פון פלאנירונגען.

א בליק אויפ'ן סקרין דערציילט אז עס זענען געווען עטליכע און צוואנציג מיסד קאלס דורכאויס דעם מיטינג, און אלעס פון זיין לויער, וואס האט נישט אויפגעהערט צו רופן איינמאל און נאכאמאל נאכאנאנד, אין די צייט וואס חיים האט עס שוין ניטאמאל געהערט, האבנדיג אויסגעשאלטערט דעם טעלעפאן נאכן צווייטן רוף.

נאך איידער חיים האט עספיעט צוריקצורופן דעם לויער האט זיך דער טעלעפאן ווידער צעקלונגען, ווייזנדיג דעם לויער'ס טעלעפאן נומער אויפן קאלער איי-די צום וויפלטן מאל.

"וואס האט פאסירט?" הייבט חיים האסטיג אויף דעם טעלעפאן ווען זיין הארץ קלאפט אויף א שנעלן טעמפא.

"דו האסט אונטערגעשריבן דעם דיעל?" פרעגט דער לויער גלייך מיט אן אנגעצויגענער שטימע.

"וואס גייט פאר, וואס האט פאסירט?" איז חיים אינגאנצן צעמישט.

"ענטפער מיר!" שרייט שוין דער לויער. "האסט אונטערגעשריבן דעם דיעל אדער נישט?" פרעגט ער שוין היסטעריש.

חיים ווערט דערציטערט. "יא, כ'האב עס אונטערגעשריבן," מורמלט ער ארויס שטילערהייט, שפירנדיג אז עפעס גאר שרעקליך האט דא פאסירט.

"אוי וויי! דאס איז נישט גוט!" צעשרייט זיך דער לויער. "מיר דארפן וויכטיג רעדן. איך וועל זיין ביי דיר אין אפיס אין א האלבע שעה," ענדיגט דער לויער צו, איבערלאזנדיג חיים פאראליזירט און דערציטערט, נישט וויסנדיג וואס איז פלוצלינג געשען.

"חיים," רופט דער לויער אויס הארט ביים ארייגשפאנען אין אפיס. "דו געדענקסט נאך ווי דו האסט מיר פארציילט אז דיינע שותפים ווילן נישט אז איך זאל זיך קומען באטייליגן ביים דעם מיטינג וואו מען וועט שליסן דעם דיעל?"

"ס'האט מיר שוין דעמאלטס אויסגעקוקט זייער פארדעכטיגט, עס איז די אנגענומענע נארמע אז יעדער ביזנעסמאן ברענגט מיט זיין פערזענליכן לויער צו א יעדן ביזנעס מיטינג. ווייזט אויס אז איך בין געווען גערעכט מיט מיין שלעכטע פארגעפיל," האט ער ארויסגעזיפצט.

"דו ביסט אריינגעפאלן אין א ביטערע פאסטקע!"

"אבער וואס האסטו אנטדעקט איבער זיי בשעת די מיטינג איז אפגעהאלטן געווארן?" פרעגט חיים בלאסערהייט. "איך טוה דאך שוין ביזנעס מיט זיי עטליכע יאר."

"זיי זענען ווארשיינליך לעגיטימע ביזנעסלייט, און דעריבער האסטו זיי בלינדערהייט געטרויעט ביז היינט," ערקלערט דער לויער. "אבער די ספעציפישע דיעל וואס דו האסט אונטערגעשריבן מיט זיי, האב איך נאר פריער אנטדעקט, אז דאס איז א מאסיווער שווינדל און אן אונטערגעשטעלטער שפיצל. עס קען דיר טייער אפקאסטן. סיי מיט ריזיגע געלט שאדנס וואס זיי וועלן ארויסשווינדלען פון דיר. אבער מער פון דעם," פארקנייטשט זיך זיין שטערן ווען חיים באטראכט אים מיט פארציטערטע בליקן, "קען דיר דאס ברענגען ערנסטע לעגאלע קאנסעקווענצן, די גאנצע מעשה איז זייער פארפלאנטערט. עס פעלט נישט קיין סאך ביז דו זאלסט פאראורטיילט ווערן אויף לאנגע יארן טורמע" ווארפט ער דעם באמבע אינעם צימער.

חיים זיצט אויף זיין ארט, פאראליזירט פון שאק און שרעק. "וואס באדייט דאס פאר מיר? איז דא עפעס וואס מיר קענען נאך טון צוריקצוציען פונעם דיעל?" פרעגט ער מיט האפענונג. "ליידער איז נישט פארהאן עפעס אין אונזערע הענט צו ענדיגן דעם אפמאך. איך זעה נישט דערווייל וויאזוי דו זאלסט זיך קענען ארויסזען פון דעם פלאנטער," זאגט אים דער לויער מיט טיפע מיטלייד.

"וואס וועט דא זיין?" טראכט חיים פארצווייפלט נאך וואס דער לויער האט פארלאזט דעם אפיס. "אויב דער געלונגענער לויער אליינס זאגט אז ער קען גארנישט טון צו ראטעווען די סיטואציע, דאן וואס איז נאך בכלל שייך צו טון?"

"דער אויבערשטער איז אסאך א בעסערער לויער," הערט חיים אן אינערליכע שטימע וואס לאזט אים נישט זיך מייאש זיין.

"אבער איך בין דאך אין געפאר פון ארעסטירט ווערן אויף ערנסטע שווינדלערייען, פארלירן מיין גאנצע אויסגעהארעוועטע פארמעגן, און אפשימלען אין תפיסה" ענטפערט ער ווי צוריק צו זיך אליינס.

"דער באשעפער ערווארט פון דיר עפעס אן אויסטערלישע מסירות נפש'דיגע פעולה, כדי דיר צו קענען שענקען א ישועה," רעדט צו אים ווייטער די באהאלטענע שטימע.

"איין מינוט!" כאפט זיך חיים ביים קאפ. "נאר נעכטן האט מיר דער גבאי אין ביהמ"ד מעורר געווען ווען כ'האב געהאלטן מיין סעלפאון אין האנט אינמיטן חזרת הש"ץ שמונה עשרה, אז דאס איז קעגן די הלכה און עס איז פארקערט פון כבוד ביהמ"ד," דערמאנט ער זיך. "איך, דער מעכטיגער ביזנעסמאן, האב אפגעלאכט פון אים און זיך נישט וויסנדיג געמאכט. אבער... אפשר איז טאקע דאס וואס דער אויבערשטער וויל פון מיר?"

"וואס זאל איך אבער טון?" טראכט חיים צו זיך.

"איך בין דאך א פארנומענער ביזנעסמאן, ווי קען איך איבערלאזן מיין סעלפאון פאר א גאנצע קיילעכיגע שעה בשעת מען דאווענט?"

"ס'איז טאקע זייער שווער, אבער קוק ווי פונקט מיט די טעלעפאון ביסטו געשטראפט געווארן, ווען דו האסט נישט אויפגעהויבן פאר'ן לויער און אריינגעפאלן אין נעץ. א גוטע קבלה דאס צו פאררעכטן וועט זיכער צוברעכן דעם שווערן גזר דין און ברענגען א פולקאמע ישועה, אפילו ווען עס קוקט אויס אז עס איז שוין נישטא קיין וועג ארויס," לאזט דער אינעווייניגסטער שטימע נישט נאך.

"יא, איך וועל דאס טון!" האט חיים אויסגערופן מיט א פעסטקייט. ער האט נישט געצעגערט נאר גלייך ארויסגענומען א תהלים און אנגעהויבן זאגן עטליכע קאפיטלעך מיט א צובראכענע געמיט. נאכן ענדיגן דעם יהי רצון האט ער ארויסגעזאגט מיטן מויל און זיך פארגענומען א פעסטע קבלה, קיינמאל מער נישט ארויסצונעמען דעם סעלפאון פון אנהייב ביזן סוף דאווענען, און דאס אפילו נישט אריינברענגען אין ביהמ"ד, כדי נישט אריינצופאלן אין דעם נסיון.

חיים האט געגעבן א הארציגן קוש דעם תהלים און דאס אריינגעלייגט אינעם לעדל. אצינד האט ער געשפירט אז ער האט געטון די ריכטיגע שריט אוועקצוגעבן פון זיין באקוועמליכקייט פארן אויבערשטנס וועגן. מיט פיל מער האפענונג האט ער צוריקגערופן דעם לויער וואס האט געהאט אריינגעקלינגען אינמיטן זיין תהלים זאגן.

"נו, עפעס נייעס?" פרעגט חיים מיט עטוואס מער לעבהאפט אין זיין שטימע. "דערווייל נישט," האט זיך דער לויער צוקרעכצט. "איך פרוביר אויסצוארבעטן-----"

"איין מינוט, איין מינוט!" האקט אים חיים פלוצלינג איבער. "דו וועסט נישט גלייבן ווער עס רופט מיר! איינער פון מיינע איטאליענע שותפים!" איז חיים איבערראשט. "לאמיר הערן וואס ער האט צו זאגן."

"איך בעט דיך זיי געווארנט," שרייט דער לויער שנעל אריין בעפאר ער הייבט אויף דעם רוף. "יעדעס איבריגעווארט קען דיר טייער קאסטן!"

"העלא?" הייבט חיים אויף מיט שפאנונג. "יא א גוטן," באגריסט אים דער איטאליענער מיט פריינטליכקייט כאילו לא היה. "כ'האב דיר נאר געוואלט מיטיילן אז ס'האט זיך געמאכט עפעס א פאנטשער דא, און מיר האבן פארלוירן אלע פאפירן וואס האבן אנטהאלטן דעם גאנצן דיעל וואס מיר האבן נארוואס געשלאסן."

חיים הערט זיך צו מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם ווען זיין שותף אויף דער אנדערער זייט טעלעפאן איז ממשיך. "מיר וואלטן געקענט נאך היינט אריבערקומען צו דיר מיט נייע דאקומענטן צו חתמ'ענען דעם דיעל נאכאמאל?"

חיים האט זיך געציפט צי ער חלומ'ט נישט. "יא זיכער," ענטפערט ער נאכן זיך אריענטירן פון די שאקירנדע נייעס. "פון מיין זייט קענט איר שוין אריבערקומען," האט ער צוגעענדיגט פארשלינגענדיג א שמייכל. טראכטנדיג איבער די אומבאהאלפענע שווינדלער וועלכע פאלן אומוויסנד אריין אין זייער אייגן אויסגעשפרייטע נעץ.

נאך א שנעלע רוף צו די פאליציי אויטאריטעטן האט חיים זיך געיאגט צו רופן זיין לויער דערציילן די גוטע נייעס, און אים געלאדנט אריבערצוקומען מיטהאלטן דעם אינטערעסאנטן ספעקטאקל ווי זיינע געוועזענע שותפים ווערן אוועקגעפירט אין קייטן דורך די פאליציי...

אצינד האט שוין חיים מער נישט געהאט קיין נסיון ארויסצונעמען זיין סעלפאון און רעדן אין ביהמ"ד, נאר אנשטאט דעם איז ער זעלבסט ארומגעגאנגען מעורר זיין אנדערע אידן און פארציילט איבער דעם גרויסן נס צו וואס ער האט זוכה געווען אין זכות פון היטן אויף קדושת בית המדרש.

"וואס וועט דא זיין?" טראכט חיים פארצווייפלט נאך וואס דער לויער האט פארלאזט דעם אפיס. "אויב דער געלונגענער לויער אליינס זאגט אז ער קען גארנישט טון צו ראטעווען די סיטואציע, דאן וואס איז נאך בכלל שייך צו טון?"

צו באקומען דעם גליון פאר
אייער ביהמ"ד שיקט אריין אייער
אינפארמאציע צו:
yisroel@delsangroup.com

אלע מעשיות זענען אמת'ע און באשטעטיגטע געשיכטעס וואס האבןווירקליך פאסירט. איר קענט אויך איבערגעבן מעשיות וואס האבן ביי אייך פאסירט, אדער וואס איר האט געהערט פון א גוטן, פארלעסליכן מקור און מיר וועלן דאס בע"ה מפרסם זיין.

איבערצוגעבן פארן גליון
מאמרים והערות, ביטע רופט:
514.967.2434

אויב איר ווילן נעמען א טייל אין די גרויסע זכי' צו מפרסם זיין אונזער גליון, ערלויבן מיר דאס נאכדרוקן און פאר־שפרייטן אין ארגינעלן פארמאט לזכות את הרבים. ולמצוה גדולה יחשב!